ווען ער האָט אים געהערט, איז ער געווען אין
גרויס פּאַרלעגנהייט, און דאָך האָט ער אים גערן
21 געהערט. און ווען עס איז געקומען אַ געלעגנהייט־
לעכער טאָג, בּשעת הורדוס האָט אויף זיין
געבּוירנטאָג געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע גרויסע
לייט, און די הויכע אָפיצירן, און די חשובסטע
22 מענטשן פון גליל, איז די טאָכטער פון הורודיה
אַליין אַריינגעקומען און האָט געטאַנצט, און זי
איז וואוילגעפעלן הורדוסן און זיינע געסט. און
דער קעניג האָט געזאָגט צום מיידל: בּעט פון
מיר וואָס דו ווילסט נאָר, און איך וועל עס דיר
23 געבּן! און ער האָט איר צוגעשוואוירן: וואָס
דו וועסט בּעטן, וועל איך דיר געבּן, בּיז אַ העלפט
24 פון מיין קעניגרייך. און זי איז אַרויסגעגאַנגען,
און האָט געזאָגט צו איר מוטער: וואָס זאָל איך
בּעטן? און זי האָט געזאָגט: יוחנן המטבּילס
25 קאָפּ! און זי איז תיכף אַריינגעגאַנגען גיך צום
קעניג, און האָט אים געבּעטן, אַזוי צו זאָגן: איך
פאַרלאַנג, אַז דו זאָלסט מיר איצט געבּן יוחנן
26 המטבּילס קאָפּ אויף אַ טעלער! און דער קעניג
איז טרויעריק געוואָרן, נאָר צוליב די שבועות און
27 די געסט האָט ער איר נישט געוואָלט אָפּזאָגן. און
דער קעניג האָט גלייך געשיקט אַ לייבּוואַכמאַן,
און האָט אים בּאַפוילן צו בּרענגען זיין קאָפּ; און
ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט אים אָפּגעהאַקט
28 דעם קאָפּ אין תפיסה, און געבּרענגט זיין קאָפּ
אויף אַ טעלער, און האָט אים געגעבּן דעם מיידל;
און דאָס מיידל האָט אים געגעבּן צו איר מוטער.
29 און ווען זיינע תלמידים האָבּן עס געהערט, זענען
זיי געקומען און האָבּן גענומען זיין קערפּער, און
אים געלייגט אין אַ קבר אַריין.